# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת שלח תשפ"ב שנה ט | גליון מס' 437

בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר י"ג אלול תשס"ג



ת.ד 102 בני ברק
פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### משה האט געדאוונט נאר אויף יהושע

**"וַיִּקְרָא מֹשֶׁה לְהוֹשֵׁעַ בִּן נוּן יְהוֹשֻׁעַ"** (יג טז)

רש"י ברענגט די דרשה פון חכמים (סוטה לד ב) אז משה האט געדאוונט אויף יהושע: "י-ה יושיעך מעצת מרגלים". און מען דארף פארשטיין: פארוואס האט ער געדאוונט נאר אויף יהושע און נישט אויף כלב און די איבריגע מרגלים?

ערקלערט דער **חיד"א**: רבי שלמה אסתרוק זאגט אז די תפילה פון משה איז נישט געווען אז יהושע זאל נישט נאכגעשלעפט ווערן נאך די עצה פון די מרגלים, וויסנדיג זיין גרויסקייט האט ער געוואוסט אז ער דארף נישט מורא האבן אויף דעם. נאר משה האט מורא געהאט טאמער ווען די מרגלים וועלן זען אז ער שטעלט זיך נישט צו צו זיי, וועלן זיי אים ווענלן שעדיגן, וועגן דעם האט ער געדאוונט ער זאל גערעטעוועט ווערן פון זייער עצה. לויט דעם איז פארשטענדליך פארוואס האט ער נישט געדארפט דאווענען אויף די אנדערע מרגלים, ווייל קיינער פון זיי האט זיך נישט אקעגן געשטעלט און ממילא האט ער זיך נישט געזארגט אויף זיי, און אויך כלב וואס האט געהאלטן אנדערשט - האט ער דאך באהאלטן זיין מיינונג פון זיינע חברים (ראה רש"י להלן יד כד).

'נחל קדומים'

### די תפילה פון כלב בן יפונה אין חברון

**"וַיַּעֲלוּ בַנֶּגֶב וַיָּבֹא עַד חֶבְרוֹן וְשָׁם אֲחִימָן שֵׁשַׁי וְתַלְמַי יְלִידֵי הָעֲנָק וְחֶבְרוֹן שֶׁבַע שָׁנִים נִבְנְתָה לִפְנֵי צֹעַן מִצְרָיִם"** (יג כב)

דער פסוק הייבט אן בלשון רבים - "ויעלו בנגב", און איז ממשיך בלשון יחיד: "וַיָּבֹא עַד חֶבְרוֹן". פון דא לערנען די חכמים ארויס (סוטה לד ב, הובא ברש"י) אז כלב האט אפגעלאזט די מרגלים און איז אליין געקומען קיין חברון "ונשתטח על קברי אבות ואמר להן: 'אבותי בקשו עלי רחמים שאנצל מעצת מרגלים'".

די פוסקים קריגן זיך ארום איבער דער ענין פון זיך משתטח זיין אויף קברי צדיקים, צי מען מעג זיך ווענדן צו א צדיק און אים בעטן ער זאל ממליץ טוב זיין אויף אים פאר ה', אדער מעג מען זיך ווענדן נאר צו ה' אליין - ער זאל צוהערן אונזער בקשה אין זכות פון דער צדיק וואס ליגט דא באהאלטן (ראה פמ"ג או"ח א"א תקפא טז).

פון די גמרא וואס זאגט אז ווען כלב האט זיך משתטח געווען אויף קברי אבות האט ער פון זיי געבעטן "בקשו עלי רחמים", זעט לכאורה אויס אז מען מעג בעטן פון די צדיקים? זאגט דער **מהר"ם שיק** אז די וואס האלטן אז מען מעג נישט טון אזוי וועלן ערקלערן אז כלב האט נישט געבעטן פון די אבות זיי זאלן ממליץ טוב זיין אויף אים, נאר ער האט געבעטן אז אין זכות וואס ער דאוונט אויף זייער קבר וועט נתעורר ווערן זייער זכות, און דורך דעם וועלן די גוטע מלאכים ממליץ טוב זיין אויף אים אז זיין תפילה זאל אנגענומען ווערן.

שו"ת מהר"ם שיק או"ח רצג

### דאווענען אויף כבוד שמים ברענגט סליחה ומחילה

**"וַיֹּאמֶר ה' סָלַחְתִּי כִּדְבָרֶךָ"** (יד כ)

לכאורה, וואלט גענוג געווען עס זאל שטיין "וַיֹּאמֶר ה' סָלַחְתִּי", וואס איז די באדייט פון "כדברך"?

דער **חוזה פון לובלין** טייטש אז מיט דעם האט הקב"ה צוגעזאגט א אייביגע הבטחה, אזוי ווי ער האט מוחל געווען פאר די אידן ווייל משה האט אינזין געהאט ביים דאווענען אז די כבוד שמים זאל נישט פארשוועכט ווערן, זאגנדיג (לעיל פס' טו-טז): "וְאָמְרוּ הַגּוֹיִם...; מִבִּלְתִּי יְכֹלֶת ה' לְהָבִיא אֶת הָעָם הַזֶּה אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר נִשְׁבַּע לָהֶם וַיִּשְׁחָטֵם בַּמִּדְבָּר", אזוי וועל איך אויך אויסרופן "סלחתי" אין אלע דורות, פאר יעדן וואס וועט אינזין האבן ביים דאווענען "כדברך" - אז די כבוד שמים זאל נישט פארשוועכט ווערן.

**רבי שאול בראך** קאשויער רב לייגט צו אז דאס האט רש"י אינזין געהאט ווען ער האט געטייטש: "'סלחתי כדברך' - בשביל מה שאמרת...", דאס האט הקב"ה געזאגט פאר משה: דאס וואס איך האב אנגענומען דיין תפילה און מוחל געווען פאר די אידן, איז נישט צוליב דיינע זכותים און דיין מעלה, נאר "בשביל מה שאמרת" - מיין נאמען זאל נישט פארשוועכט ווערן. וועגן דעם יעדער איד וואס וועט דאווענען אויף דעם וועג איז פארזיכערט אז זיין תפילה וועט אנגענומען ווערן. וועגן דעם פירט מען זיך אנהויבן די תפילות פון יום הכיפורים מיטן דערמאנען דער פסוק: "וַיֹּאמֶר ה' סָלַחְתִּי כִּדְבָרֶךָ" [נאך 'כל נדרי', בעפאר מעריב], צו דערמאנען די אייביגע הבטחה וואס איז באהאלטן אין דעם, אז א תפילה אויף כבוד שמים ווערט אייביג אנגענומען.

'אור לשמים'; 'משמרת אלעזר' חלק עשרת הימים אות קז

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### מכבד זיין דעם אויבערשטן מיט ענטפערן אמן

געוועגליך טון מיר ענדערשט זיך קאנצענטרירן אין דעם גרויסן שכר וואס באקומט דער וואס איז זוכה מקיים זיין מצוות. אויך אונזער לערנען הייבן מיר אן יעדן אינדערפרי מיט "אלו דברים שאדם אוכל פירותיהם בעולם הזה והקרן קיימת לו לעולם הבא...".

דאס איז אויך ריכטיג אין דעם ענין פון ענטפערן אמן. מיר זענען אסאך פארנומען אין די ראם פון דעם בלעטל איבער די מעלה פון ענטפערן אמן און אויף דעם גרויסן שכר. אבער דאס איז וויכטיג צו וויסן אז דאס זעלבע איז אויך ווען מיר רעדן איבער גרינגשעצן אין דעם, ווי הארב דאס איז. דער זוהר הק' (וילך רפה ב) שרייבט אז דער וואס איז נישט מקפיד צו ענטפערן אמן בכוונה, איז ער מבזה השם יתברך, און אויף אים זאגט דער פסוק (שמואל א' ב ל): 'ובוזי יקלו'".

פארכטיגע ווערטער פאר דער וואס איז זיך מתבונן! דער זוהר רופט אן דעם וואס לייגט נישט צו קיין הארץ און מח צו ענטפערן א אמן ווי עס דארף צו זיין ווי 'איינער וואס איז מבזה דעם אויבערשטן', ד.מ. אז ער איז ווי א מחלל שם שמים, פשוטו כמשמעו!

איך האב געטראכט אז אין אונזער פרשה קענען מיר טרעפן א רמז אויף דעם הארבן ענין, אין די רייד פון משה נאך די זינד פון די מרגלים (במדבר יד יא): "עד אנה ינאצוני העם הזה ועד אנה לא יאמינו בי"; די ראשי תיבות פון די ווערטער: "עד אנה ינאצני העם הזה" זענען בגימטריה 'אמן', און מען קען זאגן אז דער פסוק איז מרמז אויף די וואס פארשעמען כבוד שמים דורך נישט מקפיד זיין צו ענטפערן אמן מיט כוונה, און אויף דעם פירט אויס דער פסוק: "ועד אנה לא יאמינו בי".

נישט אומזינסט כאפט אן דער שולחן ערוך (או"ח קכד ז) איבער די הלכה: "לא ישיח שיחת חולין בשעה ששליח ציבור חוזר התפלה", א שארפע אויסדרוק וואס אין איר גלייכן טרעפן מיר נישט אין א אנדערע הלכה: "ואם שח הוא חוטא, וגדול עונו מנשוא", ווייל רעדן ביי חזרת הש"ץ ברענגט א גרינגשעצונג אין ענטפערן אמן, און דורך דעם צו חילול שם שמים וואס איז נישטא הארבער פון דעם.

מיט דעם קענען מיר אויך פארשטיין וואס דער 'משנה ברורה' ברענגט (נו א) אין נאמען פון מדרש אז רבי חמא האט באגעגנט אליהו הנביא און מיט אים טויזנטער קעמלען אנגעלאדנט מיט 'אף וחימה' וואס זענען גרייט פאר די וואס רעדן בשעת'ן זאגן קדיש. עס כאפט א ציטער פאר דער וואס איז זיך מתבונן אין דעם!

'מדה טובה מרובה' - אויב מיר וועלן זיך אונטערנעמען מכבד זיין דעם אויבערשטנ'ס נאמען דורך ענטפערן 'אמן' ווי עס דארף צו זיין, וועט זיכער מקוים ווערן ביי אונז דער פסוק (שמואל ב' שם) "כי מכבדי אכבד".

**מיט א רוף "כי מכבדי אכבד"**
**א גוט שבת**

יעקב דוד מארמארשטיין

# דער קדיש וואס איז געזאגט נאך פינף און פערציג יאר

די פאלגנדע ערציילונג איז דערציילט געווארן דורך דער באקאנטער מגיד שיעור הרה"ג רבי מנשה ישראל רייזמאן שליט"א פון ירושלים וואס האט עס געהערט פון א כלי ראשון און איז נאכגעגאנגען די דעטאלן און זיי באשטעטיגט. די מעשה איז דערציילט געווארן דורך איינער פון די מנחמים ביי די 'שבעה' אויף די פטירה פון הרה"צ רבי יצחק לנדאו זצ"ל וואס האט זוכה געווען זיין משמש בקודש ביי הרה"ק מהר"א מבעלזא, און יארן שפעטער האט ער אויך אנגעפירט די בעלזער ישיבה אין ירושלים.

אום חודש טבת שנת תש"נ איז נסתלק געווארן אין טיפן עלטער האשה החשובה והצדקנית מרת צביה סאוויצקי ע"ה אן איבערלאזן נאך זיך זרע של קיימא. די צדיקת האט נאך די צווייטע וועלט'ס קריג געדינט אלס 'אם בית' אין 'בית סנהדריה' וואס איז געווען אין די ירושלימ'ער 'עין כרם' געגנט און עקזיסטירט נאך ביזן היינטיגן טאג. די הויז האט געדינט אלס שטוב פאר צענדליגער קינדער וועלכע האבן איבערגעלעבט די מלחמה און געבליבן יתומים פון טאטע און מאמע און אן קיין קרובים, דארט זענען זיי געשלאפן און געגעסן, פון דארט זענען זיי ארויסגעגאנגען יעדן אינדערפרי צו דער פלאץ וואו זיי האבן געלערנט, און דארטן האבן זיי זיך אומגעקערט נאכמיטאג און זיך אנגעזעטיגט מיט א ווארעמע מאלצייט.


'בית סנהדריה' אין ירושלים

די לויה פון פרוי סאוויצקי איז פארגעקומען אין א ווינטערדיגע פרייטאג אין איינע פון די קורצע טבת טעג, און פארשטייט זיך אז נאר ווייניג מענטשן האבן זיך באטייליגט. רוב פון זיי זענען געווען די משפחה פון אירע נעפיו'ס - קינדער פון איר שוועסטער וואס האבן זיך אפגעגעבן מיט איר קבורה, און נאך עטליכע באקאנטע.

אינמיטן דער לויה איז די משפחה איבערראשט געווארן ווען אן אומבאקאנטער חסידישער איד וואס האט זיך באטייליגט ביי דער לויה איז צו זיי צוגעקומען און איידעלערהייט געבעטן צו זאגן קדיש נאך די נפטרת, וויבאלד זיי האבן אים נישט געקענט, האט זיי אים באלד אפגעווארפן זאגנדיג אז עס איז שוין דא ווער עס זאגט קדיש נאך איר.

א אנטוישונג האט זיך אנגעזען אויף דעם חסידישן איד'ס פנים, אבער ער האט נישט געזאגט קיין ווארט. ער האט ווייטער באגלייט די נפטרת במשך דעם גאנצן וועג פון דער לויה ביז דער קבורה, און גלייך נאך דער קבורה איז ער פארשוואונדן געווארן פון דארט אן צו מעלדן זיין נאמען און זיין באקאנטשאפט מיט די נפטרת.

די וואך נאכדעם איז די שוועסטער פון די נפטרת געזיצן שבעה ווען אירע זין זיצן נעבן איר, און דא באווייזט זיך ווידער אט דער חסידישער איד. ער האט זיך אראפגעזעצט אין די בית האבלים און באלד אנגעהויבן זיין ערציילונג:

"מיין נאמען איז יצחק לנדאו", האט דער מענטש אנגעהויבן, און זיינע אויגן האבן זיך אנגעפילט מיט טרערן, "איך בין אנגעקומען דא אין לאנד אום חודש טבת תש"ה אין עלטער פון צען יאר אן קיין קרוב און באקאנטער, מיין טאטע הרב צבי יוסף זצ"ל און מיין מאמע ע"ה האבן מצליח געווען זיך פאראייניגן מיט אונז אין ארץ הקודש נאך אסאך וואנדערן און שוועריקייטן ערשט פינף יאר שפעטער אין יאר תש"י.

אין לויף פון די פינף יאר האב איך זיך געדרייט אין ארץ הקודש ווי א יונגער 'לעבעדיגער יתום', אן א טאטע און מאמע, ווען אין א געוויסע צייט האט די השגחה העליונה מיך געפירט קיין ירושלים. איך האב געלערנט אין תלמוד תורה 'יבנה', און 'בית סנהדריה' איז געווען מיין היים.

די בענקשאפט נאך מיין מאמען, וואס האט ביז יעצט געברענט אין מיין הארץ, האט זיך אביסל בארואיגט, ווען איך בין אריין אין 'בית סנהדריה', און מיט ליבליבקייט און ווארעם הארץ ענטפאנגען געווארן דורך די נפטרת פרוי סא°יצקי וועלכע האט געדינט אלס 'אם הבית'. זי איז געווען איבערגעגעבן צו די יתומים פונקט ווי א מאמע; געקאכט פאר זיי ווארעמע און זעטיגע שפייז, צוגעהערט צו זייער מעשיות און געדאנקען, בארואיגט זייערע זארגן און שרעק און זיי געהאלפן מיט זייערע באדערפענישן גרויס און קליין.

איינע פון די שווערע אויפגאבע'ס וואס זי האט זיך אונטערגענומען איז געווען צו זארגן אויף די ריינקייט פון די קעפ פון די קינדער. די יתומים האבן ביטער געליטן פון די לייז וואס זענען געקראכן אויף זייערע קעפ, נאך יארן פון נאכגעלאזנקייט, און פרוי סאוויצקי, ווי אן אמת'ע מאמע, איז נישט געשטאנען מיט פארלייגטע הענט, טראץ די גרויסע שוועריקייט, איז זי געזיצן שעה'ן און גערייניגט די קעפ פון די קינדער און נישט גערוט ביז זי האט פארענדיגט.

אויך מיט מיר דער קליינער יתומ'ל האט זי זיך אפגעגעבן מיט געטריישאפט, זייענדיג זייער א עמפינדלעך קינד, האט דער פאקט מיך צוגעברענגט א גרויסער התרגשות, און איינמאל האב איך נישט געקענט אפשטעלן מיינע טרערן, און איך האב אנגעהויבן וויינען. פרוי סאוויצקי האט מיך געפרעגט אויף מיין געוויין, און איך האב איר געזאגט מיט א תמימות, אז איך וויין אויף איר; עס טוט מיר וויי צו זען וויאזוי זי פלאגט זיך צו העלפן אונז די קינדער די יתומים.

'וויאזוי וועל איך קענען באצאלן אויף דיין איבערגעגעבנקייט?' האב איך געפרעגט פון פרוי סא°יצקי און אירע אויגן זענען נאס געווארן פון טרערן. עס האט איר גענומען עטליכע מינוטן, ביז זי האט געענטפערט ווען זי רעכנט אויס פון פריער אירע ווערטער: 'מיין טייערער יצחק'ל, זאלסט וויסן אז איך האב נישט קיין זין, און נאך מיין הונדערט און צוואנציג וועט נישט זיין ווער עס זאל זאגן קדיש נאך מיר. אויב דו ווילסט מיר באצאלן א טובה, בעט איך דיר אז נאך מיין פטירה זאלסטו זאגן קדיש נאך מיר'.

ווי א קינד, האב איך אין יענע מינוטן נישט פארשטאנען די טיפקייט פון אירע ווערטער, און מיט דער צייט זענען זיי אוועק געשטופט געווארן אין די טיפעניש פון מיין זכרון. איך וואלט געקענט פארגעסן מיין צוזאג, ווען נישט מיט עטליכע טעג צוריק, דעם לעצטן ליל ששי, נאכדעם וואס איך בין געגאנגען שלאפן האב איך מיטאמאל געזען אין מיין חלום די פרוי סאוויצקי, זיצן אויף א סאפע אין אן אומבאקאנטן צימער און זי זאגט מיר: 'יצחק'ל, עס איז געקומען דער צייט דו זאלסט איינהאלטן דיין צוזאג!'.

איך האב זיך אויפגעוועקט מיט שרעק פון מיין שלאף. שוין צענדליגער יארן וואס איך האב נישט געהערט פון יענע חשובע פרוי, און איך האב אפילו נישט געוויסט צי זי לעבט, דער חלום איז מיר געווען זייער מאדנע, איך האב עס דערציילט פאר מיין ווייב תחי' און איך בין צוריק שלאפן.

צומארגנס בין איך ארויס דאווענען שחרית, און מיטאמאל האב איך באמערקט א פרישע לויה צעטל. די ווערטער וואס זענען געווען געשריבן אויף די מודעה האבן מיר גאר שאקירט; אין די מודעה איז געשטאנען אז פרוי סאוויצקי ע"ה איז נפטר געווארן, און איר לויה וועט פארקומען היינט עלף אזייגער פארמיטאג.

איך בין געקומען צו דער לויה און געבעטן ערלויבעניש צו זאגן קדיש, ווען ענק האבן אפגעזאגט האב איך זיך נישט גע'עקשנ'ט, נאר פון דעמאלטס אן און ווייטער, און מיטן אויבערשטנ'ס הילף די קומענדיגע יאר, וועל איך זאגן קדיש נאך איר".

ר' יצחק האט פארענדיגט זיין מעשה און איבערגעלאזט די מענטשן ארום דערשטוינט. עס זעט אויס אז זייער מומע די צדקנית, האט זוכה געווען צו א געוואלדיגע זכות וואס ווייניג זענען צו דעם זוכה - אראפצוקומען פון עולם העליון און איבערגעבן א מעסעדזש פאר דער וועלט. כאטש עס זענען געווען משפחה מיטגלידער וואס וואלטן געזאגט קדיש נאך איר, איז פאר איר חשוב אז די קינדער וואס זי האט אוועקגעגעבן איר לעבן אויף זייער ערציאונג זאלן זאגן קדיש נאך איר, אזוי ווי די חכמים זאגן (סנהדרין יט ב): "כל המגדל יתום ביתו מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו".

**מתוך שיעור שנמסר ביום ו' ה' חשון תשפ"א**

# די מצוה פון 'מאה ברכות' (ד)

## די ווערד פון די מאה ברכות

אין מסכת חולין (פז א) זאגן די חכמים אז די שכר פון יעדע ברכה איז צען זהובים, און וועגן דעם דער וואס כאפט אוועק א ברכה פון זיין חבר דארף ער אים באצאלן צען זהובים. צען זהובים איז זייער א גרויסע סומע, ווייל זייער ווערד איז צוויי הונדערט און פופציג זוז, און אין די צייט פון די חכמי הגמרא איז גענוג געווען צוויי הונדערט זוז אויף די שפייז און קליידער פון א מענטש אויף א גאנצע יאר (ר"ש פאה ח ח).

הרמ"ע מפאנו האט גערעכנט אז דורך זאגן מאה ברכות יעדן טאג געבן מיר "כופר נפש לכל נפשות ישראל", און ווי פאלגנד: די ווערד פון א זהוב איז פינף און צוואנציג זוז (ב"מ מד ב) און די ווערד פון א זוז איז פיר און צוואנציג איסרים (קידושין יב א), קומט אויס אז אין יעדע זהוב זענען דא זעקס הונדערט איסרים [24X25]. איז ביים זאגן מאה ברכות וואס זייער ווערד איז טויזנט זוז פארדינען מיר זעקס הונדערט טויזנט איסרים - א איסר אקעגן יעדע נפש פון די שישים ריבוא נפשות פון כלל ישראל. דער וואונדערליכער חשבון איז אויך מרומז אין דער לשון הפסוק (במדבר ל ג): "לאסר איסר על נפשו" - א איסר אקעגן יעדע נפש פון כלל ישראל (מאמרי הרמ"ע מפאנו, מאמר צבאות ה', ח"ג אות ד').

לויט דעם אז די ווערד פון מאה ברכות איז טויזנט זהובים, ערקלערט דער 'תורת חיים' (ב"ק צא ב) די ווערטער פון דוד המלך אין תהילים (פד יא): "כי טוב יום בחצריך מאלף בחרתי הסתופף בבית אלקי"; יעדע "יום" וואס איך בין זוכה זיין "בחצריך" - אין שול, איז מער "טוב" פון "מאלף" זהובים וואס איך וואלט געקענט פארדינען אויף דער וועלט, ווייל דורך דעם וואס איך וועל קומען דאווענען בחצרות ה' וועל איך קענען משלים זיין דאס זאגן די "מאה ברכות" וואס אויף זיי וועל איך באקומען טויזנט זהובים אין עולם הבא. דעריבער: "בחרתי הסתופף בבית אלקי", און באקומען דער געוואלדיגער שכר אין עולם הבא.

## די וואג פון די צמידים וואס אליעזר האט געשאנקען פאר רבקה

רבינו יהודה החסיד זאגט אז דער מקור אז די ווערד פון יעדע ברכה איז צען זהובים, איז פון דער פסוק וואס שילדערט די צירונגען וואס אליעזר האט געגעבן פאר רבקה ווען ער האט זיך איבערגעצייגט אז זי איז פאסיג חתונה האבן מיט יצחק (בראשית כד כב): "ויקח האיש נזם זהב בקע משקלו ושני צמידים על ידיה עשרה זהב משקלם". דער פסוק רעכנט אויס די וואג פון די צמידים, אונז צו לערנען אז די צמידים זענען נישט געגעבן געווארן פאר רבקה ווי א מתנה נאר אלץ א באצאלט אויף דעם וואס אין איר זכות גייט ער לויבן ה' אויף דעם וואס ער האט מצליח געווען אין זיין שליחות, זאגנדיג (שם כז): "ברוך ה' אלקי אדוני אברהם", און ווייל אברהם זיין האר האט אים אויסגעלערנט אז די ווערד פון יעדע ברכה איז צען זהובים, האט ער איר באצאלט צוויי צמידים וואס זייער ווערד צוזאמען איז 'עשרה זהב' ('אור זרוע' הלכות כיסוי הדם שצט).

דער 'חתם סופר' לייגט פאר א אנדערער ערקלערונג וויאזוי האבן די חז"ל ארויס געלערנט פון די וואג פון די צמידים אז דער וואס כאפט אוועק א ברכה פון זיין חבר איז מחויב באצאלן אנשטאט דעם צען זהובים: די חכמים דרש'ענען (ב"ר ס ו) אז די וואג פון די צמידים "עשרה זהב" איז אקעגן די "עשרת הדברות". פון דעם קען מען צוקומען אז די ווערד פון יעדע מצוה איז א זהוב של קודש, וואס זיין ווערד איז דאפלט פון א זהוב של חול. לויט דעם וועלן מיר פארשטיין; ווען די חכמים האבן געוואלט קנס'ענען דער וואס כאפט אוועק א ברכה פון זיין חבר, האבן זיי אים מחייב געווען צו באצאלן דעם גרעסטן סומע פון קנס וואס מיר טרעפן אין תורה אויף גניבה, און דאס איז דער קנס וואס ליגט אויף דער וואס גנב'עט א שור וטבחו או מכרו - פינף מאל געדאפלט די גניבה, און ווייל די ווערד פון די ברכה איז א זהוב של קודש, צאלט ער פינף הייליגע זהובים וואס זיי זענען צען זהובים של חול ('תורת משה' משפטים).

נאך א מקור אויף די ווערד פון די ברכה לערנט ארויס רבינו יהודה החסיד פון דער פסוק (במדבר ז יד): "כף אחת עשרה זהב מלאה קטורת". די קטורת ווערט גערעכנט ווי א ברכה (ראה ישעיהו סו ג), און ווייל די תורה האט באפוילן נעמען די קטורת אין א כף וואס איז ווערד צען זהובים, לערנען מיר פון דעם אז די ווערד פון יעדע ברכה איז צען זהובים (שם). אויך דער 'כל בו' (סי' קח) לערנט ארויס די ווערד פון די ברכה פון דער פסוק, נאר ער דרש'נט עס אויף א אנדערן וועג זאת: "כַּף אַחַת" יעדע איינס פון די 'כ"ף' [בגימטריה מאה] ברכות, איז ווערד "עֲשָׂרָה זָהָב".

## די ווערד פון די ברכות וואס דער מענטש זאגט א גאנץ לעבן

לויט וואס די חכמים זאגן (חולין פז א) אז די ווערד פון יעדע ברכה איז צען זהובים רעכנט אויס דער 'חתם סופר' אז דער וואס איז מקפיד צו זאגן מאה ברכות יעדן טאג, וועט זוכה זיין זאמלען אין לויף פון זיבן און פופציג יאר - פון דער טאג וואס ער איז אריין לעול המצוות ביזן אנקומען צו די עלטער פון זיבעציג - א געוואלדיגע שכר פון 18,105,000 זהובים ('תורת משה השלם' פרשת עקב).

אבער עס זענען דא וואס זענען מעיר אז ווי עס זעט אויס איז דא א גרייז אין די ווערטער פון 'חתם סופר', ווייל פון א פונקטליכער חשבון קומט אויס אז דער וואס זאגט מאה ברכות יעדן טאג אין לויף פון זיבן און פופציג יאר וועט צוקומען צו צוויי מיליאן זהובים מער פון די סומע וואס דער 'חתם סופר' האט אנגעכאפט: 20,105,000 זהובים (הערה כו שם).

אין זוהר הקדוש (מצורע נד ב) שטייט אז די אלע ווערטער פון דאווענען וואס קומען ארויס פון דעם מענטש'ס מויל גייען ארויף אויבן און שפאלטן הימלען, און דארט קוקט מען זיי איבער; די וואס זענען גוט גייען אריין פאר הקב"ה כדי עס זאל אנגענומען ווערן די בקשה פון דער מתפלל, און די וואס זענען נישט ראוי גייען נישט אריין. רבי יהודה צדקה ראש ישיבת 'פורת יוסף' פלעגט זאגן אז די ווערטער פון זוהר קען אונז קלאר מאכן די וויכטיגקייט פון זיין אפגעהיטן אין די 'מאה ברכות' וואס מיר זאגן יעדן טאג, ווייל נישט איינמאל זאגט דער מענטש די ברכה אן כוונה - און דאס איז א מכשול וואס קען זיך טרעפן אויך צווישן די בני תורה וואס זאגן א ברכה בשעת זייער מוח איז פארטראכט אין די סוגיא וואס זיי לערנען. וועגן דעם בשעת זאגן א ברכה ליגט אויף אונז צו געדענקען די זוהר אז די ברכות וואס קומען ארויס פון אונזער גייען אריבער א שטרענגער סארטינג, און דורך דעם אכטונג געבן מיר זאלן נישט ארויף גיין אין הימל ווען מיר זענען באגלייט, חלילה, מיט א שווערע לאסט פון מיליאנען ברכות, ווען אין אמת'ן נאר ווייניג פון זיי וועלן גערעכנט ווערן - די וואס זענען געזאגט געווארן מיט די ריכטיגע כוונה ('קול יהודה' ימים נוראים).

## די אמן באשטימט די שכר

אין באציאונג צו די רייד פון די חכמים אז די ווערד פון יעדע ברכה איז צען זהובים איז דער ש"ך מחדש (חו"מ שפב ד) א וויכטיגער יסוד: "די שכר פון צען זהובים אויף א ברכה, איז נאר אויף א ברכה וואס מען זאגט אין אנוועזנהייט פון אנדערע וואס ענטפערן אמן, אבער א ברכה וואס מען זאגט צווישן זיך - נישט".

און אזוי שטייט אין 'ילקוט מעם לועז' (משפטים עמ' תשלא): "דאס וואס מיר האבן געזאגט אז די שכר פון א ברכה איז צען זהובים, איז נאר ווען ער זאגט עס הויעך און ער איז מזכה דעם רבים וואס ענטפערן אמן. און דאס איז דער כבוד פון השם יתברך אים לויבן פאר א גרויסן ציבור, אזוי ווי עס שטייט (משלי יד כח): 'ברוב עם הדרת מלך'. פון דא זאל א מענטש זיך לערנען צו זאגן די ברכות פאר א ציבור בקול רם, סיי ברכות הנהנין און סיי ברכות השחר, כדי דער ציבור זאל ענטפערן אמן. איבערהויפט די ברכות וואס מען זאגט ווען מען איז עולה לתורה, וואס מן הדין דארף מען זיי זאגן בקול רם כדי מענטשן זאל הערן. ווייל אויב זאגט ער עס שטיל אונטער די מויל, איז דאס א ברכה לבטלה...".

פון דעם וואס די חכמים זאגן (ברכות נה ב): "גדול העונה אמן יותר מן המברך", לערנט ארויס רבינו תם אז אויב די שכר פון א ברכה איז צען זהובים, קל וחומר אז די שכר פון יעדע אמן איז צען זהובים. דעריבער האט ער גע'פסק'נט אז דער וואס מען האט אים אויפגערופן צו די תורה און א אנדערער איז געקומען אנשטאט אים, דארף נישט דער עולה באצאלן פאר דעם וואס מ'האט אים אויפגערופן, ווייל ער קען דאך ענטפערן אמן אויף די ברכות און דורך דעם גארנישט דערלייגן (תוספות ב"ק צא ב ד"ה וחייבו).

# מאוצרות אמונים

## ענטפערן אמן נאך ברכות השחר

### עס זאל אים נישט פעלן קיין אמנים

דער משגיח רבי יחזקאל לעווינשטיין, פלעגט אויפשטיין פרי און קומען אין היכל ישיבת פאנעוויזש א לאנגע צייט פארן דאווענען, כדי זיך גרייטן צום דאווענען. יעדן אידערפרי פלעגט קומען צו אים א בחור און זאגן די 'ברכות השחר' כדי עס זאל אים נישט פעלן קיין אמנים (עמוד היראה והעבודה עמ' 67).

### א ברכה וואס איז כולל אלעס

די זהירות פון דער משגיח פון לעיקוואד רבי נתן וואכטפויגל ביים זאגן די ברכות איז געווען צום באוואונדערן. צ.ב.ש. ער האט מקפיד געווען אנטון א הוט יעדע מאל ווען ער האט געזאגט א ברכה. די ברכות השחר האט ער זיך געפירט זאגן הויעך, און האט מקפיד געווען עס זאל זיין ווער עס זאל ענטפערן אמן. באזונדער פלעגט ער אויפהייבן זיין שטימע ביי זייער ענדע: "הגומל חסדים טובים לעמו ישראל", ווען ער איז אנגעפרעגט געווארן אויף דעם האט ער ערקלערט: "דאס איז דאך א ברכה וואס איז כולל אין זיך אלעס!" ('לקט רשימות' בעניני תפילה עמ' רה).

### א געשעפט מיט גרויסע פארדינסטן

יעדן טאג פלעגט דער בארימטער חסיד רבי זלמן בריזל אנקומען אין בית המדרש עטליכע שעות פארן דאווענען. ווען עס האט זיך דערנענטערט די צייט פון דאווענען, און די היכל האט אנגעהויבן פיל צו ווערן מיט מתפללים און קינדער וואס זענען געקומען דאווענען אין בית המדרש, פלעגט זיך ר' זלמן גרייטן צו די ארבעט וואס איז נאר מיט גרויסע פארדינסטן, און דאס איז - ענטפערן אמן נאך די ברכות השחר פון די מתפללים.

און אזוי פלעגט ער טון: איינגעוויקלט אין טלית און אנגעטון מיט תפילין פלעגט רבי זלמן זיך זעצן אויף זיין ארט פארנט אין בית המדרש, ווי א קרעמער וואס שטייט הינטער זיין קאסע און שארט גרויסע פארדינסטן אין יעדע מאמענט... א לאנגע רייע פון יונג און אלט פלעגט זיך שלענגלען פאר אים - אלע קומען זאגן די ברכות השחר אין זיינע אויערן וואס זענען געעפענט אויף ברייט, ווען אויף יעדע אמן און אמן איז ער געווען פרייליך און צופרידן ווי איינער וואס טרעפט א גרויסער פארמעגן.

אין די טעג וואס זיין רבי האדמו"ר מפינסק קארלין זצ"ל פלעגט זיך אויפהאלטן אין ירושלים און דאווענען אין בית המדרש, פלעגט ער זיך אויך צושטעלן און אראפזעצן מיט א באשיידנהייט אויפן באנק נעבן ר' זלמן. צוזאמען פלעגן זיי שטילן זייער שטארקן דארשט אויף די אמן'ס וואס די מתפללים זאגן ארויס מיט זייער מויל ('ר' זלמן' עמ' 175).

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער לייענער

**פאר די ארויסגעבער פון די גליון 'וכל מאמינים'**

עליכם השלום והברכה, אמן ואמן!

ענקער חשובער גליון 'וכל מאמינים' איז טייער און חשוב, אנגעפילט מיט טייערע און וואונדערליכע ארטיקלען. און יעצט האבן ענק געמאכט גאר וואונדערליך, מיטן ארטיקל אויף די 'מאה ברכות' וואס ווערן געזאגט יעדן טאג.

ווען איך האב מעיין געווען אין ענקערע ליכטיגע ווערטער, האב איך געזען אז ענק האבן געברענגט צווישן די זאכן, די ווערטער פון די חכמים וואס דרש'ענען דעם פסוק: "נאום הגבר הוקם על" - "דברי דוד האחרונים", און זאגן אז פון דעם וואס "על" איז גימטריה "מאה" לערנט מען ארויס אז די מאה ברכות האט מתקן געווען דוד המלך.

איך האב געטראכט אז לויט דעם קען מען ערקלערן פארוואס מען וואונטש אן א בר מצוה בחור'ל, ער זאל אריינגיין צו **"על** תורה ומצוות", ווייל "על" - איז א רמז אויף די "מאה ברכות", וואס פון דער טאג און ווייטער איז ער זיי מחויב צו זאגן.

מיט גרויס דאנקבארקייט און שעצונג

**י.ש.כ.**

**בארא פארק**

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס
9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא


הרב שמואל הומינער זצ"ל

### רבי שמואל הומינער

### יט סיון תשל"ז

צווישן די צדיקים וואס האבן זיך געדרייט אין דעם לעצטן דור אין ירושלים של מעלה, האט זיך אויסגעצייכנט די געשטאלט פון דער צדיק רבי שמואל הומינער זצ"ל. אסאך האבן אים גערופן "דער 'חפץ חיים' פון ירושלים".

ער איז געבוירן געווארן אין ירושלים כ"ה תשרי תרע"ד צו זיין פאטער רבי מרדכי זאב. ער האט געלערנט אין ישיבת 'עץ חיים' און איז געווען איינער פון די תלמידים פון בעל 'אבן האזל'. ער איז געווען באקאנט מיט זיין מידה פון אמונה און בטחון און איז געווען געוואוינט אז פאר יעדע זאך וואס ער האט געטון אפילו די קלענסטע איז דא א מצוה צו דאווענען צו השם יתברך עס זאל געלונגען וואו עס דארף צו זיין.

ער האט מחבר געווען אסאך ספרים, צווישן זיי: 'עבד המלך' אויף תנ"ך; 'עיקרי דינים' - קיצור ספר 'חפץ חיים'; 'עולת תמיד' ענינים פון ברכות און תפילות. ער איז נפטר געווארן אין ירושלים י"ט סיון תשל"ז און איז געקומען לקבורה אויפן הר הזיתים.

### געבן א אונטערשייד צווישן איין ברכה און די צווייטע

"דער וואס זאגט ברכת השחר אדער ברכת המזון א.ד.ג. און נעבן אים איז דא איינער וואס ענטפערט אמן אויף זיינע ברכות, זאל ער אכטונג געבן נישט אנהייבן באלד די קומענדיגע ברכה, ווייל דורך דעם דערלייגט יענער די אמן, און אויב ער וועט ענטפערן אמן איז עס חלילה א אמן יתומה, נאר ער זאלווארטן ביז דער צוהערהער וועט ענטפערן אמן" ('מורא מקדש' [לר"ש הומינער אות נה).

### ענטפערן אמן איז א מצוה מן התורה

דער וואס ענטפערט אמן אויף א ברכה איז מקיים א מצוה מן התורה, אויך ווען דער חיוב צו זאגן די ברכה איז נאר מדרבנן. ווייל דער חיוב ענטפערן אמן דרש'ענען די חכמים פון דער פסוק (דברים לב ג): "'כי שם ה' אקרא - הבו גודל לאלקינו' - בשעה שאני מזכיר שם ה' בברכה, אתם 'הבו גודל' בעניית אמן" (ילק"ש האזינו תתקמב; רש"י ברכות כא א ד"ה כי שם), און פון דעם קען מען זיך לערנען אז אויך ווען דער מברך איז נישט מחויב מיט א ברכה נאר מדרבנן, באפעלט די תורה דעם שומע ענטפערן אמן, ווייל דער מברך האט דאך דערמאנט דעם אויבערשטנ'ס נאמען אין זיין ברכה און עס איז מקויים געווארן "כי שם ה' אקרא" ('עבד המלך' דברים לב ג)

### די מאה ברכות זענען משפיע קדושה און יראה

"א מענטש וואס זאגט יעדן טאג געלאסן די מאה ברכות איז דורך דעם זוכה עס זאל רועהן אויף אים א קדושה עליונה און יראה טהורה" ('עבד המלך' דברים י כ).